# דער ערשטער בּריוו צו די קאָרינטער

א פּאָולוס, בּאַרופֿן צו זײַן אַ שלִיח פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, דורך דעם
2 רָצון פֿון גאָט, און סאָסטענעס, אונדזער בּרודער, צו דער קְהִילה
פֿון גאָט, וואָס איז אין קאָרינט, צו די, וואָס זענען געהייליקט אין
יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, בּאַרופֿן צו זײַן הייליקע, אינאײנעם מיט אַלע, וואָס
רופֿן אָן דעם נאָמען פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ אין יעדן
3 אָרט, סײַ זייער האַר און אונדזערער. חֶסֶד צו אײַך און שָלום פֿון
4 גאָט, אונדזער פֿאָטער, און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. איך דאַנק
מײַן גאָט תמיד פֿאַר אײַך, פֿאַר דעם חֶסֶד פֿון גאָט, וואָס איז אײַך
5 געגעבּן געוואָרן אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, ווײַל איר זענט אין אַלצדינג
6 נִתעַשר געוואָרן אין אים, אין יעדן וואָרט און אין יעדן וויסן,
אַזוי ווי דאָס עֵדות פֿונוועגן דעם מָשִׁיחַ איז אין אײַך בּאַפֿעסטיקט
7 געוואָרן; אַזוי, אַז איך פֿעלט ניט אין קיין שום מַתָנה, בּעת איר
וואַרט אויף דער אַנטפּלעקונג פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ,
8 וואָס וועט אײַך אויך שטאַרקן בּיז צום סוֹף, כּדי איר זאָלט זײַן
9 אומשולדיק אין דעם טאָג פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. גאָט
איז געטרײַ, וואָס דורך אים זענט איר בּאַרופֿן געוואָרן צו דער
10 חַבֿרוּתֶאשאַפֿט פֿון זײַן זון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, אונדזער האַר. איך
בּעט אײַך, בּרידער, דורך דעם נאָמען פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ
הַמָשִׁיחַ, אַז איר אַלע זאָלט רעדן דאָס זעלבּע, און אַז עס זאָלן
ניט זײַן צווישן אײַך קיין שפּאַלטונגען, נייערט אַז איר זאָלט זײַן
11 אינגאַנצן פֿון איין זִין און פֿון איין מיינונג. וואָרים מע האָט מיר
מוֹדִיע געווען דורך דעם הויזגעזינד פֿון קלאָען וועגן אײַך, אַז סע
12 גייען אָן צווישן אײַך מַחלוקות, מײַנע בּרידער. און איך מיין דאָס,
וואָס יעדער איינער פֿון אײַך זאָגט: איך געהער צו פּאָולוסן, און
13 איך צו אַפּאָלאָסן, און איך צו כֵּיפָאן, און איך צו מָשִׁיחַן. איז מָשִׁיחַ
צעטיילט? איז פּאָולוס געקרייציקט געוואָרן פֿון אײַערטוועגן?
אדער

אָדער זנעט איר געטובֿלט געוואָרן אין דעם נאָמען פֿון פּאָולוסן?
14 איך דאַנק גאָט, וואָס איך האָבֿ קיינעם פֿון אייך ניט געטובֿלט,
15 אַחוץ קריספּוסן און גאַיוסן; כּדי קיינער זאָל ניט זאָגן, אַז איר
16 זענט געטובֿלט געוואָרן אין מײַן נאָמען. (און איך האָבֿ אויך
געטובֿלט דאָס הויזגעזינד פֿון סטעפֿאַנוסן; אויסערדעם, ווייס איך
17 ניט, צי איך האָבֿ נאָך עמיצן אַנדערש געטובֿלט.) ווײַל מָשיחַ
האָט מיך ניט געשיקט צו טובֿלען, נייערט אויסצורופֿן די בּשׂורה
טובֿה, ניט אין חָכמה פֿון רייד, כּדי דער צלָבֿ פֿון מָשיחַן זאָל ניט
18 געמאַכט ווערן צונישט. ווײַל דאָס וואָרט פֿון דעם צלָבֿ איז
פֿאַר די, וואָס ווערן פֿאַרלוירן, נאַרישקייט; פֿאַר אונדז אָבֿער,
19 וואָס ווערן ניִצול, איז עס די גבֿורה פֿון גאָט. ווײַל סע שטייט
געשריבֿן: איך וועל צעשטערן די חָכמה פֿון די חַכָמים, און דעם
20 פֿאַרשטאַנד פֿון די פֿאַרשטענדיקע וועל איך בָּטל מאַכן. וווּ איז
דער חָכם? וווּ איז דער סופֿר? וווּ איז דער בַּעל־וויכּוחַ פֿון
דער דאָזיקער וועלט? האָט גאָט ניט נאַריש געמאַכט די חָכמה
21 פֿון דער וועלט? ווײַל אַזוי ווי די וועלט, דורך איר חָכמה, האָט
ניט דערקענט גאָט און זײַן חָכמה, איז עס גאָט וווילגעפֿעלן
געוואָרן, דורך דער נאַרישקייט פֿון דַרשענען מַציל צו זײַן די,
22 וואָס גלייבֿן. בעת ייִדן פֿאַרלאַנגען צייכנס, און גריכן זוכן
23 חָכמה, טוען מיר דַרשענען מָשיחַ דעם געקרייציקטן, פֿאַר ייִדן אַ
24 שטרויכלשטיין, און פֿאַר גויים נאַרישקייט; אָבֿער פֿאַר די, וואָס
זענען בּאַרופֿן, סיי ייִדן און סיי גויים, איז מָשיחַ די גבֿורה פֿון
25 גאָט, און די חָכמה פֿון גאָט. מַחמת די נאַרישקייט פֿון גאָט איז
קליגער פֿון מענטשן, און די שוואַכקייט פֿון גאָט איז שטאַרקער
26 פֿון מענטשן. ווײַל בּאַטראַכט אײַער בּאַרופֿונג, בּרידער,
אַז ניט אַ סַך חַכָמים לויט דעם פֿלייש, ניט אַ סַך שטאַרקע,
27 ניט אַ סַך איידעלע זענען בּאַרופֿן געוואָרן; נייערט גאָט האָט
אויסדערוויילט די נאַרישע זאַכן פֿון דער וועלט, כּדי מבַייש צו
זײַן די חַכָמים; און גאָט האָט אויסדערוויילט די שוואַכע זאַכן
28 פֿון דער וועלט, כּדי מבַייש צו זײַן די שטאַרקע; און די שָפֿלע

זאַכן פון דער וועלט, און דאָס, וואָס איז פאַראַכטיקט האָט גאָט
אויסדערוויילט, און דאָס, וואָס סאאיז ניטאָ, כּדי ער זאָל בָּטל
29 מאַכן די זאַכן, וואָס זענען פאַראַן, אַזוי, אַז קיין שום בָּשׂר־וָדם
30 זאָל זיך ניט רימען פאַר גאָט. איר אָבער זענט דורך אים אין
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס איז פאַר אונדז פון גאָט געמאַכט געוואָרן
31 פאַר חָכמה, און רעכטפאַרטיקייט, און קדושה, און גאולה, כּדי,
ווי סע שטייט געשריבן: דער, וואָס טוט זיך רימען, זאָל זיך
רימען אין גאָט.

ב און בעת איך בין געקומען צו אייך, ברידער, בין איך ניט
געקומען מיט מליצהדיקע רייד, אָדער חָכמה, אייך אויסצורופן
2 דאָס עֵדות פון גאָט. וואָרים איך האָב מיר פירגענומען
ניט צו וויסן קיין שום זאַך צווישן אייך, אַחוץ יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
3 און אים אַ געקרייציקטן. און איך בין געווען ביי אייך אין
4 שוואַכקייט, און אין מורא, און אין גרויס ציטערניש; און מיין
רעדן און מיין דַרשענען זענען ניט געווען אין איבערערעדנדיקע
ווערטער פון חָכמה, נייערט אין באַווייַזונג פון דעם גייסט און
5 גבורה, כּדי אייער אֱמונה זאָל ניט באַשטיין אין דער חָכמה
6 פון מענטשן, נייערט אין דער גבורה פון גאָט. מיר אָבער
רעדן חָכמה צווישן די, וואָס זענען דערוואַקסן, דאָך ניט אַ
חָכמה פון דער דאָזיקער וועלט, אויך ניט פון די הערשער פון
7 דער דאָזיקער וועלט, וואָס גייען פאַרלוירן. נייערט מיר רעדן
גאָטס חָכמה בסוד, די פאַרבאָרגענע חָכמה, וואָס גאָט האָט
פאָרויסבאַשטימט נאָך פון פאַרצייטן פאַר אונדזער כָּבוד־וועגן,
8 וואָס קיינער פון די הערשער פון דער דאָזיקער וועלט האָט ניט
פאַרשטאַנען; וואָרים וואָלטן זיי זי פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי ניט
9 געווען געקרייציקט דעם האַר פון הערלעכקייט. נייערט, ווי סע
שטייט געשריבן: וואָס קיין אויג האָט ניט געזען, און קיין אויער
ניט געהערט, און וואָס איז ניט אויפגעגאַנגען אין האַרצן פון דעם
מענטשן, אַט דאָס האָט גאָט אָנגעגרייט פאַר די, וואָס האָבן
10 אים ליב. אָבער צו אונדז האָט זיי גאָט אַנטפּלעקט דורך דעם

רוח־הקודש

רוח־הקודש. וואָרים דער גייסט טוט פאָרשטן אַלצדינג, אַפילו
11 די טיפקייטן פון גאָט. וואָרים וועלכער מענטש ווייסט וואָס סע
טוט זיך אין דעם מענטשן, אַחוץ דער גייסט פון דעם מענטשן,
וואָס איז אין אים? אַזוי אויך ווייסט קיינער ניט וואָס סע איז אין
12 גאָט, אַחוץ דער גייסט פון גאָט. מיר אָבער האָבן מקַבל געווען,
ניט דעם גייסט פון דער וועלט, נייערט דעם גייסט פון גאָט,
כדי מיר זאָלן פאַרשטיין די מַתָנות, וואָס זענען אונדז געשאָנקען
13 געוואָרן פון גאָט. און מיר רעדן דערפון אין ווערטער, וואָס ניט
מענטשלעכע חָכמה לערנט, נייערט אַזוינע דער גייסט לערנט
14 זיי, בעת מיר באַשיידן גייסטיקע זאַכן מיט גייַסטיקע רייד. דער
נאַטירלעכער מענטש איז ניט מקַבל די מַתָנות פון דעם גייסט
פון גאָט, וואָרים זיי זענען פאַר אים נאַרישקייט, און ער קען
15 זיי ניט פאַרשטיין, מַחמת זיי ווערן געמִשפט גייסטיק. אָבער
דער, וואָס איז גייסטיק, מִשפט אַלצדינג, און ער אַליין ווערט
16 פון קיינעם ניט געמִשפט. וואָרים ווער האָט פאַרשטאַנען די
מַחשָבה פון גאָט, אַז ער זאָל אים לערנען? מיר אָבער האָבן די
מַחשָבה פון מָשיחַן.

ג און איך, ברידער, האָב ניט געקענט רעדן צו אייך ווי צו
גייַסטיקע, נייערט ווי צו ערדישע, ווי צו עופעלעך אין מָשיחַ.
2 איך האָב אייך גענערט מיט מילך, ניט מיט קיין פעסטע שפייז;
וואָרים איר זענט נאָך ניט מסוגל געווען צו פאַרטראָגן עס,
3 און קענט עס אַפילו איצט אויך ניט, וואָרים איר זענט נאָך
ערדיש. וואָרים כָל־זמַן סאָאיז פאַראַן צווישן אייך קנאה און
מחלוקת, צי זענט איר ניט ערדיש, און לעבט איר ניט לויט
4 דעם שטייגער פון מענטשן? וואָרים בעת איינער זאָגט: איך
געהער פאָולוסן; און אַן אַנדערער: איך געהער אַפאָלאָסן; צי
5 זענט איר ניט פשוטע מענטשן? וואָס איז דען אַפאָלאָס? און
וואָס איז פאָולוס? באַדינער, דורך וועמען איר זענט געקומען צו
6 דער אֶמונה, און יעדער ווי דער האַר האָט אים געגעבן. איך
האָב געפלאַנצט, אַפאָלאָס האָט באַוואַסערט, אָבער גאָט האָט

7 געלאָזט וואַקסן. אַזוי, אַז ניט דער, וואָס טוט פּלאַנצן, איז עפּעס,
אויך ניט דער, וואָס באַוואַסערט, נייערט גאָט, וואָס לאָזט עס
8 וואַקסן. און דער, וואָס פּלאַנצט, און דער, וואָס באַוואַסערט,
זענען איינס, און יעדער וועט באַקומען זיין באַזונדערן שׂכר לויט
9 זיין אייגענער אַרבעט. וואָרים מיר זענען גאָטס מיטאַרבעטער,
10 גאָטסווירטשאַפט, גאָטס בִּנין זענט איר. לויט דעם חֶסֶד פון
גאָט, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, האָב איך געלייגט אַ יסוד ווי
אַ קלוגער בוימייַנסטער, און אַן אַנדערער בויט אויף אים. זאָל
11 אָבער יעדער אַכטונג געבן וויאַזוי ער בויט אויף אים. וואָרים
קיין אַנדערן יסוד קאָן קיינער ניט לייגן ווי דער, וואָס איז געלייגט
12 געוואָרן, און וואָס איז יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. אָבער אויב עמיצער
בויט אויף דעם דאָזיקן יסוד גאָלד, זילבער, טייערע שטיינער,
13 האָלץ, היי, שטרוי, אַזוי וועט יעדן מענטשנס אַרבעט אַנטפּלעקט
ווערן; וואָרים דער טאָג וועט עס קלאָר מאַכן, מַחמת סע ווערט
אַנטפּלעקט דורך פייער, און דאָס פייער אַליין וועט באַווייַזן
די אַרבעט פון יעדן מענטשנס ווערק, פון וואָסער מִין עס איז.
14 אויב עמיצנס ווערק, וואָס ער האָט אויף דעם געבויט, וועט
15 פאַרבלייַבן, וועט ער באַקומען אַ שׂכר. אויב עמיצנס ווערק
וועט פאַרברענט ווערן, וועט ער ליידן שאָדן, אָבער ער אַליין
16 וועט נִיצול ווערן, דאָך אַזוי ווי דורך פייער. צי ווייסט איר ניט, אַז
איר זענט דער מִקדש פון גאָט, און אַז דער רוּחַ־אֱלֹהִים וווינט
17 אין אייך? אויב עמיצער צעשטערט דעם מִקדש פון גאָט, דעם
וועט גאָט צעשטערן, וואָרים דער מִקדש פון גאָט איז הייליק,
18 און אָט דער מִקדש זענט איר. לאָז זיך קיינער ניט נאַרן. אויב
עמיצער צווישן אייך מיינט, אַז ער איז קלוג אין דער דאָזיקער
19 וועלט, זאָל ער ווערן אַ נאַר, כּדי ער זאָל ווערן קלוג. וואָרים
די חָכמה פון דער דאָזיקער וועלט איז נאַרישקייט בייַ גאָט.
וואָרים סע שטייט געשריבן: ער כאַפּט די חֲכָמִים אין זייער
20 ליסטיקייט. און ווידער: גאָט ווייסט די מַחשָבות פון די חֲכָמִים,
21 אַז זיי זענען נישטיק. דעריבער זאָל קיינער זיך ניט רימען מיט

22 מענטשן. וואָרים אַלצדינג איז אײַערס, צי דאָס איז פּאָולוס,
אָדער אַפּאָלאָס, אָדער כֵּיפָא, אָדער די וועלט, אָדער לעבן,
אָדער טויט, אָדער דאָס, וואָס איז פֿאַראַן, אָדער דאָס, וואָס דאַרף
23 קומען; אַלץ איז אײַערס, און איר זענט מָשיחס, און מָשיח איז
גאָטס.
ד זאָל אַ מענטש אַזוי טראַכטן פֿונוועגן אונדז, ווי פֿון באַדינער פֿון
2 מָשיחַן, און פֿאַרוואַלטער פֿון די סודות פֿון גאָט. איבעריקנס,
פֿון פֿאַרוואַלטער ווערט געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן געפֿונען ווערן
3 געטרײַ. פֿאַר מיר אָבער איז דאָס אַ קלייניקייט, אַז איך זאָל
געמִשפּט ווערן פֿון אײַך, אָדער פֿון אַ מענטשנס מִשפּט. איך
4 טו מיך אַפֿילו אַליין אויך ניט מִשפּטן. וואָרים איך ווייס גאָרניט
קעגן מיר אַליין, דאָך בין איך מיט דעם ניט גערעכטפֿאַרטיקט;
5 דער אָבער, וואָס מִשפּט מיך, איז דער האַר. דעריבער
מִשפּט גאָרניט פֿאַר דער צײַט, ביז דער האַר וועט קומען, וואָס
וועט אויך ברענגען צום ליכט די פֿאַרבאָרגענע זאַכן פֿון דער
פֿינצטערניש, און אַנטפּלעקן די טראַכטענישן פֿון די הערצער;
און דעמאָלט וועט יעדער איינער באַקומען זײַן לויב פֿון גאָט.
6 און דאָס, ברידער, האָב איך איבערגעטראָגן אויף מיר און
אַפּאָלאָסן פֿון אײַערטוועגן, אַז איר זאָלט אָפּלערנען פֿון אונדז,
ניט איבערצוטרעטן, וואָס סע שטייט געשריבן: כּדי קיינער
פֿון אײַך זאָל זיך ניט אָנבלאָזן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן.
7 וואָרים ווער ונטערשיידט זיך? און וואָס האָסטו, וואָס דו האָסט
ניט באַקומען? און אויב דו האָסט עס באַקומען, פֿאַרוואָס
8 רימסטו דיך, גלײַך ווי דו וואָלסט עס ניט געווען באַקומען? שוין
זענט איר זאַט געוואָרן? שוין זענט איר רײַך געוואָרן? איר
האָט דערגרייכט צו הערשאַפֿט אָן אונדז? הַלוַאי וואָלט איר
9 געהערשט, כּדי מיר זאָלן אויך קענען הערשן מיט אײַך. וואָרים
איך מיין, אַז גאָט האָט אונדז, די שלִיחים, אַוועקגעשטעלט פֿאַר
די מינדסטע פֿון אַלע, ווי פֿאַרמִשפּטע צום טויט; וואָרים מיר
זענען געמאַכט געוואָרן ווי אַ שפּיל פֿאַר דער וועלט, פֿאַר
מלאכים

10 מַלאָכים און מענטשן. נאַראָנים זענען מיר פֿון מָשיחַס־וועגן,
אָבער איר זענט קלוג אין מָשיחַן; מיר זענען שוואַך, אָבער איר
זענט שטאַרק; איר האָט כָּבוד, אָבער מיר האָבן אַ שם־רע.
11 אָט ביז צו דער איצטיקער שָעה הונגערן מיר, און דאָרשטן, און
12 זענען נאַקעט, און ווערן געשלאָגן, און זענען נָע־ונָד; און מיר
מִיען זיך, און אַרבעטן מיט אונדזערע אייגענע הענט. בעת מיר
ווערן באַליידיקט, בענטשן מיר; בעת גערודֶפֿט, דולדן מיר;
13 בעת באַשולדיקט, בעטן מיר; מיר זענען געמאַכט געוואָרן, און
זענען איצט, ווי דער אָפּפֿאַל פֿון דער וועלט, דער אָפּשוים פֿון
14 אַלצדינג. ניט כּדי אייך צו פֿאַרשעמען, שרייב איך דאָס, נייערט
15 אייך מַזהיר צו זיין ווי מיינע באַליבטע קינדער. וואָרים הַגם איר
האָט צען טויזנט דערציִערס אין מָשיחַן, האָט איר אָבער ניט קיין
סך פֿאָטערס; וואָרים אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ האָב איך אייך געוואונען
16 דורך דער בשׂורה טובֿה. איך בעט אייך דעריבער, זייט מיינע
17 נאָכמאַכערס. טאָקע צוליב דער סִיבה האָב איך געשיקט צו
אייך טימאָטעאוסן, וואָס איז מיין באַליבט און געטריי קינד אין
דעם האַר, אַז ער זאָל אייך דערמאָנען אין מיינע דְרָכים אין
18 מָשיחַן, אַזוי ווי איך לערן זיי אומעטום אין יעדער קהִילה. אָבער
טייל זענען אָנגעבלאָזן, גלייך איך וואָלט ניט וועלן קומען צו
19 אייך. איך וועל אָבער צו אייך בקָרוב קומען, אִם יִרצֶה הַשֵם, און
איך וועל וויסן, ניט די רייד פֿון די, וואָס זענען אָנגעבלאָזן, נייערט
20 זייער גבורה. וואָרים דאָס מַלכות פֿון גאָט באַשטייט ניט אין
21 רייד, נייערט אין גבורה. וואָס ווילט איר? זאָל איך קומען צו אייך
מיט אַ שטעקן, אָדער מיט ליבשאַפֿט און אַן עַניווֶתדיקן גייסט?
ה מע הערט אומעטום, אַז סאַאיז פֿאַראַן זנות צווישן אייך, און אַזאַ
זנות, ווי עס איז אַפֿילו ניטאָ צווישן די געצנדינער, אַז איינער
2 זאָל האָבן זיין פֿאָטערס ווייב. און איר זענט אָנגעבלאָזן! האָט
איר ניט געדאַרפֿט ליבער טרויערן, אַז דער, וואָס איז באַגאַנגען
3 די דאָזיקע מַעשׂה, זאָל אָפּגעטאָן ווערן פֿון צווישן אייך? וואָרים
הַגם איך בין ניט בײַ אייך אין גוף, בין איך אָבער אָנוועזנד אין

גייסט

גייסט, און האָב שוין געמִשפּט דעם, גלייך ווי איך וואָלט געווען
4 אָנוועזנד, וואָס האָט אַזוינס געטאָן. בעת איר זענט פֿאַרזאַמלט
אין דעם נאָמען פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ, און מיין גייסט איז צווישן
5 אייך, מיט דער גבורה פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ, זאָלט איר אַזאַ
איינעם איבערענטפֿערן צום שָׂטן פֿאַר דער פֿאַרדאַרבונג פֿון
דעם פֿלייש, כּדי דער גייסט זאָל נִיצול ווערן אין דעם טאָג פֿון
6 דעם האַר יֵשוּעַ. אייער רימען זיך איז ניט גוט. ווייסט איר ניט,
7 אַז אַ ביסל חָמֵץ מאַכט זויער דאָס גאַנצע טייג? ראַמט זשע אוים
דעם אַלטן חָמֵץ, כּדי איר זאָלט זיין אַ ניי טייג, אַזוי ווי איר זענט
ניט געזייַערט. וואָרים מָשִיחַ, אונדזער קָרבּן־פֶּסַח, איז געשאָכטן
8 געוואָרן. לאָמיר דעריבער האַלטן יום־טוב, ניט מיט דעם אַלטן
חָמֵץ, אויך ניט מיט דעם חָמֵץ פֿון שלעכטסקייט און רִשעות,
9 נייערט מיט די מַצות פֿון לויטערקייט און אֶמת. איך האָב אייך
געשריבן אין מיין בריוו, ניט צו חַברן זיך מיט קיין נואפֿים;
10 בִּכלָל ניט מיט די נואפֿים פֿון דער וועלט, אָדער מיט די גייציקע
און גַזלָנים, אָדער מיט געצנדינער; וואָרים דעמאָלט וואָלט איר
11 געמוזט אַרויסגיין פֿון דער וועלט. אָבער איך האָב אייך גיכער
געשריבן, ניט צו חַברן זיך מיט עמיצן, וואָס ווערט אָנגערופֿן אַ
ברודער, און וואָס איז אַ נואף, אָדער גייציק, אָדער אַ געצנדינער,
אָדער אַ לעסטערער, אָדער אַ שִיכּור, אָדער אַ גַזלן - מיט אַזאַ
12 איינעם זאָלט איר אַפֿילו ניט עסן. וואָרים וואָס האָב איך צו טאָן
מיט מִשפּטן די, וואָס זענען אין דרויסן? זאָלט איר ניט מִשפּטן די,
13 וואָס זענען דרינען? די דרויסנדיקע וועט גאָט מִשפּטן. ראַמט
אוים דעם רָשע פֿון צווישן אייך.

ו ווי דערוועגט זיך עמיצער פֿון אייך, בעת ער האָט אַן עֵסק קעגן
זיין חַבר, צו גיין מִשפּטן זיך פֿאַר רשָעים, און ניט פֿאַר די
2 הייליקע? צי ווייסט איר ניט, אַז די הייליקע וועלן מִשפּטן די
וועלט? און אויב די וועלט וועט געמִשפּט ווערן דורך אייך, זענט
3 איר ניט רָאוי צו מִשפּטן די מינדסטע זאַכן? צי ווייסט איר
ניט, אַז מיר וועלן מִשפּטן מַלאָכים? אַ פּשיטא שוין זאַכן, וואָס
זענען

4 זענען שײַך דעם דאָזיקן לעבן׳ בכֵן, אויב איר דאַרפֿט מִשפּטן
זאַכן אין שײַכות צו דעם לעבן, זעצט איר אַוועק מענטשן צו
5 מִשפּטן וואָס זענען פֿאַראַכטעט אין דער קהילה? איך זאָג דאָס
צו אײַער שאַנד. שוין־זשע, צי געפֿינט זיך ניט צווישן אײַך
איינער אַ חָכם, וואָס זאָל קאָנען אַנטשיידן צווישן זײַנע ברידער,
6 נײַערט ברודער גייט זיך לאָדן מיט ברודער, און דערצו נאָך
7 פֿאַר אומגלויביקע? עס איז שוין בִּכלַל אַן עַוולה פֿון אײַך, וואָס
איר פֿירט מִשפָּטים איינער מיטן אַנדערן. פֿאַרוואָס ניט ליבער
8 זײַן באַעוולטע? פֿאַרוואָס ניט ליבערשט זײַן באַרויבטע? יאָ,
איר אַליין טוט אומרעכט, און באַרויבט, און דערצו נאָך אײַערע
9 אייגענע ברידער. צי ווייסט איר ניט, אַז די רשָעים וועלן ניט
יַרשענען דאָס מַלכות פֿון גאָט? זײַט ניט גענאַרט: ניט קיין
נואפֿים, ניט קיין געצנדינער, ניט קיין אויסגעלאַסענע, ניט קיין
10 בַעלי־תַאוות, אויך ניט די, וואָס ליגן מיט זכָרים, ניט קיין גַנָבים,
ניט קיין גײַציקע, ניט קיין שִיכּורים, ניט קיין לעסטערערס, ניט
11 קיין גַזלָנים, וועלן יַרשענען דאָס מַלכות פֿון גאָט. און אַזוינע
זענען געוועזן טייל פֿון אײַך; איר אָבער זענט געוואַשן געוואָרן,
איר זענט געהייליקט געוואָרן, איר זענט גערעכטפֿאַרטיקט
געוואָרן דורך דעם נאָמען פֿון דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און דורך
12 דעם גייסט פֿון אונדזער גאָט. אַלצדינג איז מיר דערלויבט, דאָך
ניט אַלצדינג איז נוצלעך. אַלצדינג איז מיר דערלויבט, דאָך
וועל איך מיך ניט אונטערוואַרפֿן אונטער דער מאַכט פֿון עפּעס.
13 מַאכָלים פֿאַרן בויך, און דער בויך פֿאַר מַאכָלים, ־ און גאָט
וועט פֿאַרלענדן סיי דאָס, און סיי די אַנדערע. דער גוף איז ניט
פֿאַר זנות, נײַערט פֿאַר דעם האַר, און דער האַר פֿאַר דעם גוף.
14 און גאָט האָט אויפֿגעוועקט דעם האַר תחית־המתים, און אויך
15 אונדז וועט ער אויפֿוועקן דורך זײַן גבורה. צי ווייסט איר ניט,
אַז אײַערע גופֿים זענען אֵברים פֿון מָשִיחַן? צי זאָל איך איצט
נעמען די אֵברים פֿון מָשִיחַן, און זיי מאַכן פֿאַר אֵברים פֿון אַ
16 זונה? חָלִילה׳ אָדער צי ווייסט איר ניט, אַז דער, וואָס באַהעפֿט
זיך

זיך מיט אַ זונה, איז איין לײַב מיט איר? וואָרים סע שטייט
17 געשריבן: בײדע וועלן ווערן איין לײַב. אָבער דער, וואָס איז
18 באַהעפט מיט דעם האַר, איז איין גײַסט מיט אים. אַנטרינט זשע
פון זנות. יעדע זינד, וואָס אַ מענטש באַגייט, איז אויסער דעם
גוף; דער אָבער, וואָס איז מזנה, זינדיקט קעגן זײַן אײגענעם גוף.
19 אָדער צי ווייסט איר ניט, אַז אײַער גוף איז אַ מקדש פון דעם
רוח־הקודש, וואָס איז אין אײַך, וואָס איר האָט פון גאָט? און איר
20 זענט ניט אײַערע אײגענע; וואָרים איר זענט געקויפט געוואָרן
מיט אַ פּרײַז. על־כּן, זאָלט איר אָפּגעבן כּבוד צו גאָט אין אײַער
לײַב.

ז און בנוגע די זאַכן, וועגן וואָס איר האָט געשריבן: עס איז
2 גוט פאַר אַ מאַן ניט צו באַרירן קיין אשה. דאָך מחמת פון
זנות־וועגן, זאָל יעדער מאַן האָבן זײַן אײגן ווײַב, און זאָל יעדע
3 אשה האָבן איר אײגענעם מאַן. זאָל דער מאַן אָפּגעבן דעם
4 ווײַב איר חוב; און אַזוי אויך דאָס ווײַב דעם מאַן. דאָס ווײַב
האָט ניט קיין רשות איבער איר אײגענעם לײַב, נײַערט דער
מאַן; און אַזוי האָט אויך דער מאַן ניט קיין רשות איבער זײַן
5 אײגענעם לײַב, נײַערט דאָס ווײַב. שײדט זיך ניט אָפּ אײנער
פון דעם אַנדערן, סײַדן עס ווערט אָפּגערעדט אויף אַ צײַט, כּדי
איר זאָלט זיך קענען אָפּגעבן מיט תּפילה טאָן, און זײַט צוריק
צוזאַמען, כּדי דער שטן זאָל אײַך ניט ברענגען צו קיין נסיון
6 פון וועגן אײַער ניט־צוריקגעהאַלטנקייט. און דאָס זאָג איך בדרך
7 רשות, און ניט בדרך געבאָט. דאָך הלוואַי זאָלן אַלע מענטשן
זײַן אַזוי ווי איך אַלײן. אָבער יעדער אײנער האָט זײַן אײגענע
מתּנה פון גאָט, אײנער אויף דעם אופן, און אַן אַנדערער אויף
8 יענעם. צו די אומפאַרהײראַטע, און צו די אַלמנות זאָג איך: עס
9 איז גוט פאַר זײ, אויב זײ פאַרבלײַבן אַזוי ווי איך. אָבער אויב זײ
קענען זיך ניט צוריקהאַלטן, זאָלן זײ חתונה האָבן; וואָרים עס איז
10 בעסער חתונה צו האָבן, אײדער צו ברענען. צו די פאַרהײראַטע
אָבער געביט איך, יאָ, ניט איך, נײַערט דער האַר, אַז דאָס ווײַב
זאָל

11 זאָל זיך ניט אָפּשיידן פֿון איר מאַן, (טוט זי זיך אָבער אָפּשיידן,
זאָל זי פֿאַרבלײַבן אומפֿאַרהייראַט, אָדער זיך איבערבעטן מיט
12 דעם מאַן), און אַז דער מאַן זאָל ניט פֿאַרלאָזן זיין ווייב. צו די
איבעריקע אָבער זאָג איך, ניט דער האַר: אויב אַ ברודער האָט
אַן אומגלויביק ווייב, און זי איז מַסכּים צו וואוינען מיט אים, זאָל
13 ער זי ניט פֿאַרלאָזן. און דאָס ווייב, וואָס האָט אַן אומגלויביקן
מאַן, און דער איז מַסכּים צו וואוינען מיט איר, זאָל זי איר מאַן
14 ניט פֿאַרלאָזן. וואָרים דער אומגלויביקער מאַן ווערט געהייליקט
דורך דעם ווייב, און דאָס אומגלויביקע ווייב ווערט געהייליקט
דורך דעם ברודער; אַז ניט, וואָלטן אייערע קינדער געווען טָמא,
15 נאָר אַצינד זענען זיי הייליק. אויב אָבער דער אומגלויביקער
וויל זיך אָפּשיידן, לאָז ער זיך אָפּשיידן; דער ברודער, אָדער
די שוועסטער, איז ניט געבונדן אין אַזוינע פֿאַלן; און גאָט האָט
16 אונדז באַרופֿן צו שָלום. וואָרים וויאַזוי ווייסטו, אָ אִשה, צי דו
וועסט מַציל זיין דיין מאַן? אָדער וויאַזוי ווייסטו, אָ מאַן, צי דו
17 וועסט מַציל זיין דיין ווייב? נייערט ווי דער האַר האָט צוגעטיילט
יעדן מענטשן, ווי גאָט האָט יעדן באַרופֿן, אַזוי זאָל ער לעבן.
18 און אַזוי בין איך מתקן אין אַלע קהילות. איז עמיצער באַרופֿן
בעת אַ געמַלטער, זאָל ער ניט ווערן אומגעמַלט. איז עמיצער
19 באַרופֿן געוואָרן אין עָרלה, זאָל ער ניט געמַלט ווערן. מִילה
איז גאָרניט, און עָרלה איז גאָרניט, נייערט דאָס היטן פֿון די
20 מִצוות פֿון גאָט. לאָז יעדער פֿאַרבלײַבן אין יענער באַרופֿונג,
21 אין וועלכער ער איז באַרופֿן געוואָרן. ביסטו באַרופֿן געוואָרן
אַלס קנעכט, זאָל עס דיך ניט אַרן. אויב אָבער דו קענסט ווערן
22 פֿריי, באַנוץ די געלעגנהייט. וואָרים דער, וואָס איז באַרופֿן אין
דעם האַר אַלס אַ קנעכט, איז דעם האַרס באַפֿרײַטער; אַזוי אויך
דער, וואָס איז געווען פֿריי, בעת ער איז באַרופֿן געוואָרן, איז
23 מָשיחס קנעכט. איר זענט געקויפֿט געוואָרן מיט אַ פּרײַז; ווערט
24 ניט קיין קנעכט פֿון קיין מענטשן. ברידער, לאָז יעדער איינער,
אין וואָס פֿאַר אַ מַצב ער איז באַרופֿן געוואָרן, פֿאַרבלײַבן אין
דעם

25 דעם מיט גאָט. און בנוגע בתולות, האָב איך ניט קיין געבאָט
פֿון דעם האַר; איך גיב אָבער מײַן מיינונג ווי איינער, וואָס האָט
26 געפֿונען רחמָנות בײַ דעם האַר, צו זײַן באַגלויבט. איך מיין
דעריבער, אַז פֿונוועגן דער איצטיקער צָרה, איז עס גוט פֿאַר אַ
27 מענטשן צו זײַן ווי ער איז. ביסטו צוגעבונדן צו אַ ווײַב? זוך
ניט צו ווערן פֿרײַ. ביסטו פֿרײַ פֿון אַ ווײַב? זוך ניט קיין ווײַב.
28 האָסטו אָבער חתונה געהאַט, האָסטו ניט געזינדיקט; און אויב
אַ בתולה האָט חתונה, האָט זי ניט געזינדיקט. אָבער אַזוינע
וועלן האָבן צָרות אין דעם פֿלייש; און איך וואָלט אײַך וועלן
29 פֿאַרשוינען. דאָס אָבער זאָג איך, ברידער, די צײַט איז קורץ.
און פֿון איצט־אָן זאָלן יענע, וואָס האָבן ווײַבער, זײַן גלײַך ווי זיי
30 וואָלטן זיי ניט געהאַט; און יענע, וואָס וויינען, גלײַך ווי זיי וואָלטן
ניט געוויינט; און יענע, וואָס פֿרייען זיך, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך
ניט געפֿרייט; און יענע, וואָס קויפֿן, גלײַך ווי זיי וואָלטן עס ניט
31 פֿאַרמאָגט; און יענע, וואָס האָבן הנאה פֿון דער וועלט, גלײַך
ווי זיי וואָלטן זי ניט באַנוצט; וואָרים די געשטאַלט פֿון דער
32 דאָזיקער וועלט פֿאַרגייט. איך וואָלט וועלן איר זאָלט זײַן פֿרײַ
פֿון דאגות. דער, וואָס איז ניט פֿאַרהייראַט, זאָרגט פֿונוועגן די
זאַכן פֿון דעם האַר, וויאַזוי ער זאָל וואוילגעפֿעלן ווערן דעם האַר;
33 דער אָבער, וואָס איז פֿאַרהייראַט, זאָרגט פֿונוועגן די זאַכן פֿון
34 דער וועלט, וויאַזוי ער זאָל וואוילגעפֿעלן ווערן זײַן ווײַב. און איז
צעטיילט. אַזוי אויך די אִשה, וואָס איז ניט פֿאַרהייראַט, און די
בתולה, זאָרגט פֿונוועגן די זאַכן פֿון דעם האַר, כּדי זי זאָל זײַן
הייליק, סיי אין דעם גוף און סיי אין דעם גייסט; אָבער די, וואָס
איז פֿאַרהייראַט, זאָרגט פֿונוועגן די זאַכן פֿון דער וועלט, וויאַזוי
35 זי זאָל וואוילגעפֿעלן ווערן איר מאַן. און דאָס זאָג איך פֿאַר
אײַער אייגענער טובה וועגן, און ניט צו וואַרפֿן אַ נעץ איבער
אײַך, נייערט איר זאָלט זיך פֿירן ווי געהעריק, און כּדי איר זאָלט
36 קענען דינען דעם האַר אומגעשטערט. אויב עמיצער מיינט,
אַז ער באַנעמט זיך ניט פּאַסיק קעגן זײַן יונגפֿרוי, בעת זי איז

אַריבער איר בליִאונג־צייט, און אויב סע באַדאַרף אַזוי צו זײַן,
זאָל ער טאָן וואָס ער וויל; ער זינדיקט ניט; לאָזן זיי חתונה
37 האָבן. דער אָבער, וואָס איז פֿעסט אין זײַן האַרצן, און האָט
עס ניט נייטיק, נייערט האָט שליטה איבער זײַן אייגענעם ווילן,
און האָט באַשלאָסן אין זײַן האַרצן צו פֿאַרשוינען זײַן אייגענע
38 יונגפֿרוי, אַזוי טוט ער רעכט. בכן, דער, וואָס מאַכט חתונה זײַן
יונגפֿרוי, טוט גוט; און דער, וואָס מאַכט זי ניט חתונה, וועט טאָן
39 נאָך בעסער. אַ ווײַב איז געבונדן צו איר מאַן כּל־זמן ער לעבט;
אויב אָבער דער מאַן שטאַרבט, איז זי פֿרײַ חתונה צו האָבן מיט
40 וועמען זי וויל, נייערט נאָר אין דעם האַר. לויט מײַן מיינונג, איז
זי אָבער גליקלעכער, אויב זי פֿאַרבלײַבט אַזוי ווי זי איז; און איך
מיין, אַז איך פֿאַרמאָג אויך דעם גייסט פֿון גאָט.

ח און בנוגע די זאַכן, וואָס מען איז מקריב צו אָפּגעטער: מיר
ווייסן, אַז מיר אַלע האָבן פֿאַרשטענדעניש. וויסן בלאָזט
2 אויף, אָבער ליבשאַפֿט בויט אויף. אויב עמיצער מיינט, אַז
ער פֿאַרשטייט עפּעס, פֿאַרשטייט ער נאָך ניט, ווי ער וואָלט
3 באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין. נאָר אויב עמיצער האָט ליב גאָט, דער
4 דאָזיקער ווערט דערקענט פֿון אים. און וואָס שייך דעם עסן פֿון
זאַכן, וואָס מען איז מקריב צו אָפּגעטער, ווייסן מיר, אַז קיין שום
אָפּגאָט איז עפּעס אין דער וועלט, און אַז סאיז ניטאָ קיין גאָט,
5 אַחוץ איינער. וואָרים הגם סע זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס ווערן
אָנגערופֿן געטער, סײַ אין הימל, סײַ אויף דראערד, — ווי עס זענען
6 פֿאַראַן געטער אַ סך, און האַרן אַ סך, — דאָך פֿאַר אונדז איז
פֿאַראַן איין גאָט, דער פֿאָטער, פֿון וועמען עס איז אַלצדינג, און
מיר פֿאַר אים און איין האַר, ישוע המשיח, דורך וועמען סע זענען
7 אַלע זאַכן, און מיר דורך אים. דאָך ניט אין אַלע מענטשן איז
דאָ די פֿאַרשטענדעניש; נייערט טייל, וואָס זענען געוואוינט ביז
איצט צו דעם אָפּגאָט, עסן ווי פֿון אַ זאַך, וואָס מען האָט מקריב
געווען צו אַן אָפּגאָט; און זייער געוויסן, וואָס איז שוואַך, ווערט
8 באַפֿלעקט. אָבער שפּײַז וועט אונדז ניט באַוויליקן צו גאָט;

איך

אויך זענען מיר ניט ערגער, אויב מיר עסן ניט, אויך ניט בעסער,
9 אויב מיר עסן יאָ. גיט אָבער אַכטונג, אַז די דאָזיקע פֿרײַהייט
אײַערע זאָל ניט דורך עפּעס ווערן אַ מִכשול פֿאַר די שוואַכע.
10 וואָרים אויב עמיצער זעט דיך, וואָס האָסט פֿאַרשטענדעניש,
זיצן בײַ אַ מאָלצײַט אין דעם טעמפּל פֿון אַן אָפּגאָט, וועט ניט
זײַן געוויסן, אויב ער איז שוואַך, דערמוטיקט ווערן צו עסן זאַכן,
11 וואָס מען האָט מַקריב געווען צו אָפּגעטער? און דורך דײַן
פֿאַרשטענדעניש גייט דער שוואַכער ברודער פֿאַרלוירן, פֿאַר
12 וועמען מָשיחַ איז געשטאָרבן. און אַזוי, בעת איר זינדיקט קעגן
די ברידער, און פֿאַרלעצט זייער שוואַך געוויסן, זינדיקט איר
13 קעגן מָשיחַן. איבערדעם, אויב אַ שפּייז איז גורם מײַן ברודער
צו שטרויכלען, וועל איך קיינמאָל ניט עסן קיין פֿלייש, כּדי איך
זאָל ניט גורם זײַן מײַן ברודער צו שטרויכלען.

ט בין איך ניט פֿרײַ? בין איך ניט קיין שליחַ? האָב איך ניט געזען
ישוען, אונדזער האַר? זענט איר ניט מײַן ווערק אין דעם האַר?
2 אויב פֿאַר אַנדערע בין איך ניט קיין שליח, צום ווייניקסטן בין
איך עס דאָך פֿאַר אײַך; וואָרים דער חותם פֿון מײַן שליחות
3 זענט איר אין דעם האַר. דאָס איז מײַן רעכטפֿאַרטיקונג פֿאַר
4 די, וואָס פֿאָרשן מיך אויס. צי האָבן מיר ניט קיין רשות צו עסן
5 און צו טרינקען? צי האָבן מיר ניט קיין רשות אַרומצופֿירן אַ
שוועסטער פֿאַר אַ ווײַב, אַזוי ווי די איבעריקע שליחים, און די
6 ברידער פֿון דעם האַר, און כֵּיפָאַ? אָדער איך נאָר און בַר־נַבָּא,
7 האָבן מיר ניט קיין רשות ניט צו אַרבעטן? וואָסער זעלנער
טוט גאָר דינען אויף זײַנע אייגענע הוצָאות? ווער פֿלאַנצט
אַ ווײַנגאָרטן, און עסט ניט פֿון אים קיין פֵּירות? אָדער ווער
פּיטערט אַ סטאַדע, און געניסט ניט פֿון דער מילך פֿון דער
8 סטאַדע? צי טו איך רעדן די דאָזיקע זאַכן לויט דעם שטייגער פֿון
9 מענטשן? אָדער צי זאָגט ניט די תּורה אויך דאָס זעלבע? וואָרים
סע שטייט געשריבן אין תּורת־משה: זאָלסט ניט פֿאַרבינדן אַן
אָקס דאָס מויל, בעת ער דרעשט. צי זאָרגט דען גאָט פֿאַר

אקסן

10 אָקסן? אָדער זאָגט ער דאָס פֿון אונדזערטוועגן בִּכלָל? יאָ,
פֿון אונדזערטוועגן איז עס געשריבן געוואָרן, וואָרים דער, וואָס
אַקערט, דאַרף אַקערן מיט האָפֿנונג, און דער, וואָס דרעשט, אין
11 דער האָפֿנונג צו באַקומען אַ חלק. אויב מיר האָבן געזייט אין
אײַך גײַסטיקע זאַכן, איז עס אַזאַ גרויסער ענין, אויב מיר וועלן
12 שניידן אײַערע ערדישע זאַכן? אויב אַנדערע האָבן אַ חלק אין
דעם רעכט איבער אײַך, האָבן מיר ניט אַ סך מער? דאָך האָבן
מיר ניט אויסגענוצט דאָס דאָזיקע רעכט, נייערט מיר טראָגן
איבער אַלצדינג, כּדי מיר זאָלן ניט מאַכן קיין שטערונג פֿאַר
13 דער בשׂורה פֿון משיחַ. ווייסט איר ניט, אַז די, וואָס טוען די
הייליקע עבֿודה, עסן פֿון די זאַכן פֿון דעם מִקדש, און די, וואָס
14 דינען פֿאַר דעם מִזבּחַ, נעמען זייער חלק אין דעם מִזבּחַ? פּונקט
אַזוי האָט אויך דער האַר מתקן געווען, אַז די, וואָס זאָגן אָן די
15 בשׂורה טובֿה, זאָלן לעבן פֿון דער בשׂורה טובֿה. איך האָב
אָבער ניט אויסגענוצט קיין איינציקע פֿון די דאָזיקע זאַכן; און
איך האָב דאָס ניט געשריבן, כּדי סע זאָל אַזוי געטאָן ווערן אין
מײַן פֿאַל; וואָרים איך וואָלט ליבער שטאַרבן, איידער עמיצער
16 זאָל צונישט מאַכן מײַן רימען זיך. וואָרים אויב איך זאָג אָן די
בשׂורה טובֿה, דאַרף איך מיך ניט רימען מיט דעם, וואָרים איך
בין מחויבֿ דאָס צו טאָן; און ווי איז מיר, אויב איך טו ניט אָנזאָגן
17 די בשׂורה טובֿה! וואָרים אויב איך טו דאָס פֿון מײַן אייגענעם
ווילן, קריג איך אַ שׂכר; נאָר אויב ניט פֿון מײַן אייגענעם ווילן,
18 האָב איך אַ שליחות, וואָס איז מיר אָנפֿאַרטרויט געוואָרן. וואָס
זשע איז מײַן שׂכר? דאָס: וואָס בעת איך טו אָנזאָגן די בשׂורה
טובֿה, זאָל איך קענען ברענגען די בשׂורה טובֿה אָן געצאָלטס,
19 כּדי ניט אויסצונוצן מײַן רעכט אין דער בשׂורה טובֿה. וואָרים
הגם איך בין פֿריי פֿון אַלע מענטשן, האָב איך מיך געמאַכט
פֿאַר אַ באַדינער צו אַלע, כּדי איך זאָל געווינען וואָס מערער.
20 פֿאַר די יִדן בין איך געוואָרן ווי אַ ייִד, כּדי איך זאָל געווינען די
יִדן; פֿאַר די, וואָס זענען אונטער דער תּורה, ווי אונטער דער

תורה

תּוֹרה, בעת אַליין בין איך ניט אונטער דער תּוֹרה, כּדי איך זאָל
21 געווינען די, וואָס זענען אונטער דער תּוֹרה; פֿאַר די, וואָס זענען
אָן אַ תּוֹרה, ווי אָן אַ תּוֹרה, בעת איך בין ניט אָן גאָטס תּוֹרה,
נייערט אונטער מָשִיחַס תּוֹרה, כּדי איך זאָל געווינען די, וואָס
22 זענען אָן אַ תּוֹרה. פֿאַר די שוואַכע בין איך געוואָרן שוואַך, כּדי
איך זאָל געווינען די שוואַכע. איך בין געוואָרן אַלצדינג פֿאַר
23 אַלע מענטשן, כּדי בכָל־אופֿן מַציל צו זיין טייל פֿון זיי. און איך
טו אַלצדינג פֿאַר דער בשׂורה־וועגן, כּדי איך זאָל האָבן אַ חֵלֶק
24 אין איר. צי ווייסט איר ניט, אַז די, וואָס לויפֿן אין אַ וועט־לויף,
לויפֿן אַלע, אָבער נאָר איינער באַקומט דעם פּרייַז? פּונקט
25 אַזוי לויפֿט, כּדי איר זאָלט אים באַקומען. און יעדער אַטלעט,
וואָס קעמפֿט אין די שפּילן, באַהערשט זיך אין אַלצדינג. און
זיי טוען עס כּדי צו באַקומען אַ פֿאַרדאַרבלעכן קראַנץ, מיר
26 אָבער – אַן אומפֿאַרדאַרבלעכן. איך לויף דעריבער אַזוי, ניט
ווי אומזיכער; איך באָקס ניט אַזוי ווי איינער, וואָס שלאָגט די
27 לופֿט; נייערט איך דיסציפּלינער מיין לייַב, און צווינג אים אַז ער
זאָל זיין געהאָרכיק, טאָמער וועל איך דורך עפּעס, נאָכדעם ווי
איך האָב געדרשנט פֿאַר אַנדערע, אַליין פֿאַרוואָרפֿן ווערן.
י איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, ברידער, אַז אונדזערע אָבות
זענען אַלע געווען אונטער דעם וואָלקן, און אַלע זענען
2 אַריבערגעגאַנגען איבער דעם יַם; און אַלע זענען געטובֿלט
3 געוואָרן אויף משהן אין דעם וואָלקן און אין דעם יַם, און
4 האָבן אַלע געגעסן די זעלבע גייַסטיקע שפּייַז, און האָבן אַלע
געטרונקען דעם זעלבן גייַסטיקן טרונק; וואָרים זיי האָבן
געטרונקען פֿון אַ גייַסטיקן פֿעלזן, וואָס האָט זיי באַגלייט און
5 דער פֿעלז איז געווען מָשִיחַ. דאָך זענען די מייסטע פֿון זיי ניט
וואוילגעפֿעלן געוואָרן גאָט; וואָרים זיי זענען אומגעקומען אין
6 דער מִדבר. און די דאָזיקע זאַכן זענען געווען בייַשפּילן פֿאַר
אונדז, כּדי מיר זאָלן ניט גלוסטן נאָך קיין שלעכטיקייטן, אַזוי ווי
7 זיי האָבן געגלוסט. זייט אויך ניט קיין געצנדינער, ווי טייל פֿון
זיי

זיי זענען געווען; ווי סע שטייט געשריבן: דאָס פֿאָלק האָט זיך
אַנידערגעזעצט צו עסן און טרינקען, און זיי זענען אויפֿגעשטאַנען
8 צו שפּילן זיך. לאָמיר אויך ניט באַגיין קיין ניאוף, ווי טייל פֿון
זיי זענען באַגאַנגען, און זענען געפֿאַלן אין איין טאָג דריי און
9 צוואַנציק טויזנט. לאָמיר אויך ניט אויספּרוּוון גאָט, ווי טייל
פֿון זיי האָבן אים אויסגעפּרוּווט, און זענען אומגעקומען דורך די
10 שלאַנגען. איר זאָלט אויך ניט מורמלען, ווי טייל פֿון זיי האָבן
11 געמורמלט, און זענען אומגעקומען דורך דעם מַשחית. און די
דאָזיקע זאַכן זענען געשען צו זיי פֿאַר אַ בײַשפּיל; און זיי זענען
פֿאַרשריבן געוואָרן צו זײַן אַ וואָרענונג פֿאַר אונדז, אויף וועמען
12 דער סוף פֿון די צײַטן האָט גענענט. בכן, לאָז דער, וואָס
13 מיינט, אַז ער שטייט, אַכטונג געבן, אַז ער זאָל ניט פֿאַלן. סע
האָט אײַך קיין שום נסיון ניט געטראָפֿן, סײַדן אַזאַ ווי אַ מענטש
קאָן פֿאַרטראָגן. אָבער גאָט איז געטרײַ, וואָס וועט ניט לאָזן,
אַז איר זאָלט געפּרוּווט ווערן איבער אײַערע כּוחות; נייערט
ער וועט מיט דעם נסיון אויך מאַכן אַן אויסוועג, כּדי איר זאָלט
14 אים קאָנען דערטראָגן. איבערדעם, מײַנע באַליבטע, אַנטלויפֿט
15 פֿון געצנדינערײַ. איך רעד ווי צו פֿאַרשטענדיקע; משפּט איר
16 אַליין, וואָס איך זאָג. דער כּוס פֿון בּרָכה, איבער וועלכן מיר
מאַכן אַ בּרָכה, איז דאָס ניט קיין באַהעפֿטונג מיט דעם בלוט
פֿון משיחן? די מַצה, וואָס מיר ברעכן אָפּ, איז דאָס ניט קיין
17 באַהעפֿטונג מיט דעם לײַב פֿון משיחן? און מחמת עס איז
איין מַצה, זענען מיר, וואָס זענען אַ סך, איין לײַב, וואָרים מיר
18 אַלע האָבן אַ חלק אין דער איינער מַצה. זעט די נאַטירלעכע
בני־ישׂראל: צי זענען זיי, וואָס עסן די קרבּנות, ניט באַהעפֿט
19 מיט דעם מזבּח? דעריבער, וואָס זאָל איך זאָגן? אַז אַ זאַך, וואָס
מען האָט מַקריב געווען צו אָפּגעטער האָט אַ מַמשות, אָדער
20 אַז אַן אָפּגאָט האָט אַ מַמשות? איך זאָג גיכער, אַז דאָס, וואָס
די געצנדינער זענען מַקריב, זענען זיי מַקריב צו רוחות, און ניט
צו גאָט. און איך וויל ניט, אַז איר זאָלט פֿירן חברותאשאַפֿט

מיט

21 מיט רוחות. איר קענט ניט טרינקען דעם כּוס פון דעם האַר,
און דעם כּוס פון רוחות; איר קענט ניט האָבן אַ חֵלֶק אין דעם
22 טיש פון דעם האַר, און אין דעם טיש פון רוחות. אָדער זאָלן
מיר דערצערענען דעם האַר צו קִנאה? זענען מיר שטאַרקער
23 פון אים? אַלצדינג איז דערלויבט, אָבער ניט אַלצדינג איז
נוצלעך. אַלצדינג איז דערלויבט, אָבער ניט אַלצדינג בויט
24 אויף. זאָל קיינער ניט זוכן זיין אייגענע טובה, נייערט יעדער
25 זיין חַברס. אַלץ, וואָס סע ווערט פאַרקויפט אין די יאַטקעס,
26 עסט, און פרעגט ניט קיין שאַלה פון געוויסנוועגן; וואָרים די ערד
27 געהערט גאָט, און די פולקייט פון איר. און אויב איינער פון די,
וואָס גלויבן ניט, בעט אייך אויף אַ סעודה, און איר האָט בּדֵעה
צו גיין, זאָלט איר עסן אַלץ, וואָס סע ווערט געשטעלט פאַר אייך,
28 און פרעגט ניט קיין שאַלה פון געוויסנוועגן. נאָר אויב עמיצער
זאָגט צו אייך: דאָס האָט מען מַקריב געווען פאַר אַ קָרבּן, טאָ
עסט עס ניט, פון זיינעטוועגן, וואָס האָט עס אָנגעוויזן, און פון
29 געוויסנוועגן. איך מיין ניט דאָס אייגענע געוויסן, נייערט דעם
אַנדערנס. וואָרים פאַרוואָס זאָל מיין פרייַהייט געמִשפּט ווערן
30 פון אַן אַנדערנס געוויסן? און אויב איך געניס מיט אַ בּרָכה,
פאַרוואָס זאָל איך באַרעדט ווערן פונוועגן דעם, פאַר וועלכן איך
31 מאַך אַ בּרָכה? בּכֵן, צי איר עסט, אָדער טרינקט, אָדער וואָס
32 נאָר איר טוט, טוט אַלץ פאַר דעם כָּבוד פון גאָט. גיט ניט קיין
געלעגנהייט פון שטרויכלונג די יִידן, אָדער די גויים, אָדער דער
33 קהִילה פון גאָט; פונקט ווי אויך איך באַוויליק אַלע מענטשן אין
אַלצדינג, און זוך ניט מיין אייגענעם נוצן, נייערט דעם נוצן פון
דעם רַבּים, כּדי זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן.
יא, 2 אימיטירט מיך, אַזוי ווי איך מָשִיחַן. און איך לויב אייך, וואָס איר
געדענקט מיך אין אַלצדינג, און היט אָפּ די טראַדיציעס, אַזוי ווי
3 איך האָב זיי אייך איבערגעגעבן. איך וויל אָבער, אַז איר
זאָלט וויסן, אַז דער קאָפּ פון יעדן מאַן איז מָשִיחַ, און דער
קאָפּ פון יעדן ווייב איז דער מאַן, און דער קאָפּ פון מָשִיחַן איז
גאָט

4 גאָט. יעדער מאַן, וואָס איז מתפּלל, אָדער זאָגט נבֿיאות, און ער
5 האַלט פֿאַרדעקט זײַן קאָפּ, פֿאַרשעמט ער זײַן קאָפּ. און יעדע
אשה, וואָס איז מתפּלל, אָדער זאָגט נבֿיאות, און איר קאָפּ איז
אָפּגעדעקט, פֿאַרשעמט זי איר קאָפּ; וואָרים עס איז אײנס און
6 דאָס זעלבֿע ווי זי וואָלט געווען געגאָלט. וואָרים אויבֿ אַ ווײַבֿ
איז ניט פֿאַרהילט, זאָל זי זיך אויך לאָזן אָפּשערן; נאָר אויבֿ עס
איז אַ בזיון פֿאַר אַ ווײַבֿ צו זײַן אָפּגעשוירן, אָדער געגאָלט, זאָל
7 זי זײַן פֿאַרהילט. וואָרים אַ מאַן איז ניט מחויבֿ צו האַלטן זײַן
קאָפּ פֿאַרדעקט, מחמת ער איז דאָס אָפּבילד און כּבֿוד פֿון גאָט;
8 דאָס ווײַבֿ אָבער איז דער כּבֿוד פֿון דעם מאַן. (וואָרים דער מאַן
9 שטאַמט ניט פֿון דער אשה, נײַערט די אשה פֿון דעם מאַן; אויך
איז דער מאַן ניט באַשאַפֿן געוואָרן פֿון דעם ווײַבסוועגן, נײַערט
10 דאָס ווײַבֿ פֿון דעם מאַנסוועגן.) על־כּן, דאַרף אַ ווײַבֿ האָבן אַ
11 שלײער אויף איר קאָפּ, צוליבֿ די מלאָכים. אָבער אין דעם האַר
איז דאָס ווײַבֿ ניט אָן דעם מאַן, אויך ניט דער מאַן אָן דעם ווײַבֿ.
12 וואָרים אַזוי ווי דאָס ווײַבֿ שטאַמט פֿון דעם מאַן, אַזוי שטאַמט
אויך דער מאַן דורך דעם ווײַבֿ; אַלצדינג אָבער שטאַמט פֿון
13 גאָט. משפּט איר בײַ זיך אַליין; צי איז עס שיין, אַז אַ ווײַבֿ זאָל
14 מתפּלל זײַן צו גאָט ניט פֿאַרהילט? צי טוט אַפֿילו די טבֿע אַליין
אײַך ניט לערנען, אַז אויבֿ אַ מאַן טראָגט לאַנגע האָר, איז עס אַ
15 חרפּה פֿאַר אים, נאָר אויבֿ אַ ווײַבֿ טראָגט לאַנגע האָר, איז עס
אַ כּבֿוד פֿאַר איר? וואָרים די האָר זענען איר געגעבן געוואָרן
16 פֿאַר אַ צודעק. נאָר אויבֿ עמיצער מײנט צו זײַן קריגעריש, האָבן
17 מיר ניט אַזאַ מנהג, און אויך ניט די קהילות פֿון גאָט. בעת
אָבער איך גיבֿ אײַך דעם דאָזיקן באַפֿעל, לויבֿ איך אײַך ניט,
וואָס איר קומט זיך צוזאַמען ניט פֿונוועגן דעם בעסערן, נײַערט
18 פֿונוועגן דעם ערגערן. וואָרים קודם־כּל, בעת איר קומט זיך
צוזאַמען אין דער קהילה, הער איך, אַז מחלוקת זענען פֿאַראַן
19 צווישן אײַך; און טײלווײַז גלויבֿ איך עס. וואָרים סע מוזן אויך
זײַן כּיתּות צווישן אײַך, כּדי די, וואָס זענען באַגלײבט צווישן אײַך,

זאלן

20 זאָלן קענען אַנטפּלעקט ווערן. בכן, בעת איר קומט זיך צוזאַמען,
21 איז עס ניט מעגלעך צו עסן דעם האַרס סעודה; וואָרים בעת
אייער עסן נעמט יעדער איינער פריער פאַר אַנדערע זיין אייגענע
מאָלצייט; און איינער איז הונגעריק, און אַן אַנדערער איז שיכּור.
22 וואָס? צי האָט איר ניט קיין הייזער, צו עסן און צו טרינקען
אין זיי? אָדער צי זענט איר מבזה די עדה פון גאָט, און זענט
מבייש די, וואָס האָבן גאָרניט? וואָס זאָל איך אייך זאָגן? זאָל
23 איך אייך לויבן? פאַר דעם לויב איך אייך ניט. וואָרים איך האָב
מקבל געווען פון דעם האַר דאָס, וואָס איך האָב אויך צו אייך
איבערגעענטפערט, אַז דער האַר ישוע האָט אין דער נאַכט,
24 אין וועלכער ער איז פאַרראַטן געוואָרן, גענומען אַ מצה, און
נאָכדעם ווי ער האָט אַ ברכה געמאַכט, האָט ער זי צעבראָכן,
און געזאָגט: דאָס איז מיין לייַב, וואָס ווערט צעבראָכן פון
25 אייַערטוועגן; טוט דאָס אין מיין אָנדענק. און אויף אַזאַ אופן אויך
דעם כּוס, נאָך דער סעודה, אַזוי צו זאָגן: דער דאָזיקער כּוס איז
דער נייער בונד אין מיין בלוט; טוט דאָס, כּל־זמן איר טרינקט
26 אים, אין מיין אָנדענק. וואָרים כּל־זמן איר עסט די מצה, און
טרינקט דעם כּוס, טוט איר אָנזאָגן דעם האַרס טויט, ביז ער
27 קומט. בכן, ווער סע וועט עסן די מצה, און טרינקען דעם כּוס
פון דעם האַר אויף אַן אומווערדיקן אופן, וועט זיך פאַרשולדיקן
28 קעגן דעם לייַב און דעם בלוט פון דעם האַר. נאָר לאָז אַ מענטש
זיך אַליין אויספּרואוון, און דערנאָך זאָל ער עסן פון דער מצה און
29 טרינקען פון דעם כּוס. וואָרים דער, וואָס טוט עסן און טרינקען,
עסט און טרינקט אַ פּסק אויף זיך אַליין, אויב ער מאַכט ניט
30 קיין חילוק צווישן דעם לייַב פון דעם האַר. איבערדעם זענען
אַ סך פון אייך שוואַך און קראַנק, און ניט ווייניק שלאָפן איין.
31 אויב אָבער מיר טוען זיך אַליין פּרואוון, וועלן מיר ניט געמשפּט
32 ווערן; און ווערן מיר שוין געמשפּט, ווערן מיר געשטראָפט פון
דעם האַר, כּדי מיר זאָלן ניט פאַרמשפּט ווערן מיט דער וועלט.
33 בכן, מיינע ברידער, בעת איר קומט זיך צוזאַמען צו עסן, וואַרט

34 איינער אויף דעם אַנדערן. און אויב עמיצער איז הונגעריק, זאָל
ער עסן אין דער היים, כּדי אייער צונויפֿקומען זאָל ניט ווערן קיין
פֿאַרשולדיקונג. און דאָס איבעריקע וועל איך מתקן זיין, ווען איך
וועל קומען.
יב און בנוגע גייַסטיקע מתּנות, ברידער, וואָלט איך ניט וועלן
2 פֿאַרהוילן פֿון אייך קיין שום זאַך. איר ווייסט, אַז בעת איר
זענט געווען גוים, האָט איר זיך געלאָזט פֿירן צו יענע שטומע
3 אָפּגעטער, וויאַזוי נאָר מע האָט אייך געפֿירט. בכן, בין איך
אייך מודיע, אַז קיינער, וואָס רעדט דורך דעם גייסט פֿון גאָט,
זאָגט: ישוע זאָל זיין פֿאַרשאָלטן! און קיינער קאָן ניט זאָגן:
4 ישוע איז האַר, סיידן דורך דעם רוח־הקודש. און סע זענען
5 פֿאַראַן פֿאַרשידענע מתּנות, אָבער דער זעלבער גייסט; און סע
זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע עבֿודות, אָבער דער זעלבער האַר;
6 און סע זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע אַרבעטן, אָבער דער זעלבער
7 גאָט, וואָס ווירקט אין אַלצדינג אין אַלעמען. נאָר יעדן איינעם
איז געגעבן געוואָרן די אַנטפּלעקונג פֿון דעם גייסט צום נוצן.
8 וואָרים איינעם איז געגעבן געוואָרן דורך דעם גייסט דאָס וואָרט
פֿון חכמה, און אַן אַנדערן דאָס וואָרט פֿון וויסן, לויט דעם
9 זעלבן גייסט; אַן אַנדערן אמונה, דורך דעם זעלבן גייסט, און אַן
10 אַנדערן מתּנות פֿון היילן דורך דעם איינעם גייסט, אַן אַנדערן
צו טאָן וואונדער, און צו אַן אַנדערן נבֿואה, און אַן אַנדערן צו
אונטערשיידן גייַסטער, אַן אַנדערן פֿאַרשידענע מינים לשונות,
11 און אַן אַנדערן דאָס פֿאַרטייַטשן פֿון לשונות. אָבער דאָס אַלץ
טוט ווירקן דער איינער און דער זעלבער גייסט, וואָס פֿאַרטיילט
12 יעדן איינעם באַזונדער אַזוי ווי ער וויל. וואָרים אַזוי ווי דער גוף
איז איינער, און האָט אַ סך אבֿרים, און די אַלע אבֿרים פֿון דעם
גוף, הגם זיי זענען אַ סך, זענען איין גוף, אַזוי איז אויך משיח.
13 וואָרים דורך איין גייסט זענען מיר אַלע געטובלט געוואָרן אין
איין גוף, סיי ייִד אָדער גוי, סיי קנעכט אָדער פֿריי; און זענען אַלע
14 אָנגעטרונקען געוואָרן מיט איין גייסט. וואָרים דער גוף איז ניט
איין

15 אין אֵבר, נייערט אַ סך. אויב דער פוס זאָל זאָגן: ווייל איך בין
ניט די האַנט, געהער איך ניט צום גוף, געהערט ער דעריבער
16 ניט צום גוף? און אויב דאָס אויער זאָל זאָגן: ווייל איך בין
ניט דאָס אויג, געהער איך ניט צום גוף, געהערט עס דעריבער
17 ניט צום גוף? אויב דער גאַנצער גוף וואָלט געווען אַן אויג,
וואו וואָלט געווען דאָס געהער? און אויב ער וואָלט אינגאַנצן
18 געווען געהער, וואו וואָלט געווען דער חוש־הָרֵיחַ? איצט אָבער
האָט גאָט געשטעלט די אֵברים, יעדן איינעם פון זיי אין דעם גוף,
19 אַזוי ווי אים איז ווױלגעפעלן געוואָרן. און אויב זיי וואָלטן אַלע
20 געווען איין אֵבר, וואו וואָלט געווען דער גוף? אַזוי אָבער זענען זיי
21 אַ סך אֵברים, נאָר איין גוף. און דאָס אויג קען ניט זאָגן צו דער
האַנט: איך נייטיק מיך ניט אין דיר, אָדער דער קאָפּ צו די פיס:
22 איך נייטיק מיך ניט אין אייך. נייערט לְהֵיפֶך, יענע אֵברים פון
23 דעם גוף, וואָס זעען אויס צו זיין שוואַכער, זענען נייטיק. און יענע
טיילן פון דעם גוף, וואָס מיר מיינען, זיי זענען ווייניקער חָשוב,
די דאָזיקע באַשענקען מיר מיט אַ סך מער כָּבוד; און אונדזערע
24 מיאוסע טיילן האָבן אַ סך מער ליבלעכקייט, בעת אונדזערע
ליבלעכע טיילן נייטיקן זיך ניט דערין. אָבער גאָט האָט דעם גוף
אַזוי צונויפגעשטעלט, און געגעבן מער כָּבוד יענעם טייל, וואָס
25 איז געווען געמינערט, כּדי סע זאָל ניט זיין קיין מַחלוֹקה אין דעם
גוף, נייערט, אַז די אֵברים זאָלן טראָגן די זעלבע זאָרג איינער
26 פאַר דעם אַנדערן. און אויב איין אֵבר טוט ליידן, ליידן מיט אים
אַלע אֵברים; אָדער ווערט איין אֵבר געאַכפּערט, אַזוי פרייען זיך
27 מיט אים אַלע אֵברים. אָבער איר זענט דער גוף פון מָשיחַן, און
28 באַזונדערע אֵברים פון אים. און גאָט האָט טייל אויפגעשטעלט
אין דער קְהִילה, ערשטנס שלִיחים, צווייטנס נבִיאים, דריטנס
לערער, דערנאָך פאַר מופתים, דערנאָך מַתָּנות פון רפואות,
29 העלפערס, פאַרוואַלטונגען, פאַרשידענע מִינים פון לשונות. צי
זענען אַלע שלִיחים? זענען אַלע נבִיאים? זענען אַלע לערער?
30 באַווייַזן אַלע מופתים? האָבן אַלע מַתָּנות פון רפואות? צי רעדן

אלע

31 אַלע מיט לשונות? טוען אַלע פֿאַרטײַטשן? באַגערט אָבער
פֿלײסיק די גרעסערע מַתָּנות. און אויסערדעם ווײַז איך אײַך אָן אַ
זײער אויסגעצײכנטן וועג.
יג אויב איך זאָל רעדן מיט לשונות פֿון מענטשן און פֿון מַלאָכים,
און האָב ניט קײן ליבע, בין איך געוואָרן ווי קלינגענדיק מעש,
2 אָדער אַ שאַלנדיקער צימבל. און אויב איך האָב די מַתָּנה פֿון
נבֿואה, און ווײס אַלע סודות און אַלע חָכמות, און אויב איך זאָל
האָבן די גאַנצע אֶמונה, אַזוי, אַז איך זאָל קענען איבערשטעלן
3 בערג, און האָב ניט קײן ליבע, בין איך גאָרנישט. און אויב איך
שענק אַוועק מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, און גיב מײַן לײַב פֿאַרברענט
4 צו ווערן, און האָב ניט קײן ליבע נוצט עס מיר גאָרניט. ליבע
טראָגט איבער אַ סך, און איז גוט; ליבע איז ניט מקַנא; ליבע
5 רימט זיך ניט אַלײן, און איז ניט אויפֿגעבלאָזן. זי באַנעמט זיך ניט
געמײן, זי זוכט ניט דאָס איריקע, זי דערצערנט זיך ניט, טראַכט
6 ניט קײן בײז, זי פֿרײט זיך ניט אין קײן עַוולה, נײערט פֿרײט זיך
7 מיט דעם אֶמת. אַלצדינג פֿאַרטראָגט זי, אַלצדינג גלײבט זי,
8 אַלצדינג האָפֿט זי, אַלצדינג פֿאַרטראָגט זי. ליבע וועט קײנמאָל
ניט אויפֿהערן. אויב אָבער סע זענען פֿאַראַן נבֿואות, וועלן זײ
אָפּגעטאָן ווערן; אויב לשונות, וועלן זײ בָּטל ווערן; אויב חָכמה,
9 וועט זי אָפּגעטאָן ווערן. וואָרים מיר ווײסן טײלווײַז, און מיר זאָגן
10 נבֿיאות טײלווײַז; אָבער ווען דאָס שלימותדיקע וועט קומען, וועט
11 דאָס, וואָס איז טײלווײַז, אָפּגעטאָן ווערן. ווען איך בין געווען אַ
קינד, האָב איך גערעדט ווי אַ קינד, האָב געפֿילט ווי אַ קינד,
האָב געטראַכט ווי אַ קינד; איצט, אַז איך בין געוואָרן אַ מאַן,
12 האָב איך אַוועקגעלײגט די קינדישע זאַכן. וואָרים אַצינד זעען
מיר אין אַ שפּיגל, אַ רעטעניש; דעמאָלט אָבער פּנים אֶל־פּנים,
אַצינד פֿאַרשטײ איך טײלווײַז, דעמאָלט וועל איך פֿאַרשטײן
אינגאַנצן, אַזוי ווי איך בין אויך אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען געוואָרן.
13 און אַצינד פֿאַרבלײַבט אֶמונה, האָפֿענונג, ליבע, די דאָזיקע דרײַ;
און דאָס גרעסטע פֿון זײ איז ליבע.

יד יאָגט זשע נאָך ליבע, און באַגערט פלייסיק גײַסטיקע מַתָּנות;
2 בעסער אָבער, אַז איר זאָלט קענען נבֿיאות זאָגן. וואָרים דער,
וואָס רעדט אין אַ לָשון, טוט ניט רעדן צו מענטשן, נייערט צו
גאָט; וואָרים קיינער פאַרשטייט אים ניט, און ער טוט רעדן
3 שודות אין דעם גייסט, אָבער דער, וואָס זאָגט נבֿיאות, טוט רעדן
4 צו מענטשן פאַר זייער אויפבויאונג, און מוסר, און טרייסט. דער,
וואָס רעדט אין אַ לָשון, בויט זיך אַליין אויף; אָבער דער, וואָס
5 זאָגט נבֿיאות, בויט אויף די קהִילה. און איך וואָלט וועלן, אַז
איר זאָלט אַלע רעדן אין לשונות; בעסער אָבער, אַז איר זאָלט
נבֿיאות זאָגן. און גרעסער איז דער, וואָס זאָגט נבֿיאות, איידער
דער, וואָס טוט רעדן אין לשונות, סיידן ער פאַרטײַטשט, כּדי
6 אויפצובויען די קהִילה. און אַצינד, ברידער, אויב איך זאָל צו
אייך קומען און רעדן אין לשונות, וואָס וועל איך אייך נוצן, אויב
איך וועל ניט רעדן צו אייך דורך דעם אופן פון אַנטפּלעקונג,
7 אָדער פון חָכמה, אָדער פון נבֿואה, אָדער פון לערנונג? אַפילו
ניט־לעבעדיקע זאַכן, וואָס גיבן אַרויס אַ קלאַנג, צי אַ פלײַט,
אָדער אַ האַרף, אויב זיי גיבן ניט אַרויס קיין חילוק אין די
קלאַנגען, וויאַזוי וועט מען וויסן וואָס סע ווערט געשפּילט אויף
8 דער פלײַט, אָדער אויף דער האַרף? וואָרים אויב דער טרומייט
גיט אַרויס אַן אומבאַשטימטן קלאַנג, ווער וועט זיך גרייטן צו
9 מִלחָמה? אַזוי אויך מיט אייך, אויב איר וועט ניט מיט דער צונג
אַרויסרעדן פאַרשטענדיקע רייד, וויאַזוי וועט מען וויסן, וואָס סע
ווערט גערעדט? וואָרים איר וועט רעדן אין דער לופט אַריין.
10 עס זענען אַוודאי פאַראַן אַ סך מִינים לשונות אין דער וועלט, און
11 קיין איינע פון זיי איז ניט אָן אַ זין. בכן, אויב איך פאַרשטיי
ניט די באַדייטונג פון דעם לָשון, וועל איך זיין פאַר דעם, וואָס
רעדט, אַ פרעמדער; און דער, וואָס רעדט, וועט זיין פאַר מיר
12 אַ פרעמדער. אַזוי אויך מיט אייך; הֱיות איר זענט אייפעריק
אין גייסטיקע מַתָּנות, זוכט אַז איר זאָלט מַצליח זיין אין דעם
13 אויפבויען פון דער קהִלה. דעריבער, זאָל דער, וואָס רעדט אין
א

14 אַ לָשון, מִתפַּלֵל זײַן, אַז ער זאָל קענען פֿאַרטײַטשן. װאָרים
אױב איך בין מִתפַּלֵל אין אַ לָשון, איז מײַן גײַסט מִתפַּלֵל; מײַן
15 פֿאַרשטאַנד אָבער איז אומפּרוכטיק. בכֵן, װאָס מײנט עס? איך
װעל מִתפַּלֵל זײַן מיט דעם גײַסט, און איך װעל אױך מִתפַּלֵל זײַן
מיט דעם פֿאַרשטאַנד; איך װעל זינגען מיט דעם גײַסט, און איך
16 װעל אױך זינגען מיט דעם פֿאַרשטאַנד. װאָרים אױב דו מאַכסט
אַ בּרָכה מיט דעם גײַסט, װיאַזױ װעט דער, װאָס פֿאַרנעמט
דעם פּלאַץ פֿון דעם עַם־האָרץ, נאָכזאָגן אָמֵן בײַ דײַן מאַכן די
17 בּרָכה, װען ער פֿאַרשטײט ניט װאָס דו זאָגסט? װאָרים דו
מאַכסט טאַקע די בּרָכה ריכטיק, אָבער דער אַנדערער איז ניט
18 באַלערנט. איך דאַנק גאָט, װאָס איך רעד אין לשונות מער װי
19 איר אַלע. דאָך אין דער קהִילה װאָלט איך ליבער װעלן רעדן
פֿינף װערטער מיט מײַן פֿאַרשטאַנד, כּדי איך זאָל אױך אַנדערע
20 לערנען, אײדער צען טױזנט װערטער אין אַ לָשון. ברידער,
זײַט ניט קײן קינדער אין פֿאַרשטאַנד; דאָך אין שלעכטס זײַט
21 עופּעלעך, אָבער אין פֿאַרשטאַנד זײַט מענטשן. אין דער תּורה
שטײט געשריבן: דורך מענטשן מיט פֿרעמדע לשונות און דורך
פֿרעמדע לעפּצן װעל איך רעדן צו דעם דאָזיקן פֿאָלק; און אַפילו
22 אַזױ װעלן זײ מיך ניט הערן, זאָגט גאָט. בכֵן, זענען לשונות פֿאַר
אַ צײכן, ניט פֿאַר די, װאָס גלױבן, נײַערט פֿאַר די אומגלױביקע;
בעת נבִיאות־זאָגן איז ניט פֿאַר די אומגלױביקע, נײַערט פֿאַר די,
23 װאָס גלױבן. בכֵן, אױב די גאַנצע קהִילה זאָל זיך צונױפֿקומען
אינאײנעם, און אַלע זאָלן רעדן אין לשונות, און סע קומען אַרײַן
מענטשן עַמי־האַרצים, אָדער אומגלױביקע, צי װעלן זײ ניט זאָגן,
24 אַז איר זענט משוגע? אױב אָבער אַלע זאָלן נבִיאות־זאָגן, און
סע קומט אַרײַן אַן אומגלױביקער, אָדער אַן עַם־האָרץ, װעט ער
25 געמוסרט װערן פֿון אַלע, און געמִשפּט װערן פֿון אַלע; און די
פֿאַרבאָרגענישן פֿון זײַן האַרץ װעלן אַנטפּלעקט װערן; און ער
װעט פֿאַלן אױף זײַן פּנים און דינען גאָט, און מודה זײַן, אַז גאָט
26 איז באֱמת צװישן אײַך. װאָס זשע מײנט עס, ברידער? בעת
איר

איר קומט צוזאַמען, האָט יעדער איינער אַ מִזמור, אַ לערנונג,
אַן אַנטפּלעקונג, אַ לָשון, אַ פֿאַרטײַטשונג. זאָל אַלצדינג געטאָן
27 ווערן פֿאַר אַ באַלערנונג. אויב עמיצער רעדט אין אַ לָשון, זאָל
עס זײַן דורך צוויי, אָדער העכסטנס דרײַ, און איינער נאָך דעם
28 אַנדערן, און איינער זאָל פֿאַרטײַטשן. אויב אָבער עס איז ניטאָ
קיין פֿאַרטײַטשער, זאָל מען שווײַגן אין דער קהִילה, און רעדן
29 פֿאַר זיך אַליין און צו גאָט. זאָלן צוויי אָדער דרײַ נבֿיאים רעדן,
30 און לאָזן די אַנדערע מִשפּטן. אויב אָבער אַן אַנטפּלעקונג וועט
קומען אויף אַן אַנדערן, וואָס זיצט דערבײַ, זאָל דער ערשטער
31 שווײַגן. וואָרים איר אַלע קענט נבֿיאות־זאָגן איינער נאָך דעם
32 אַנדערן, כּדי אַלע זאָלן לערנען, און אַלע זאָלן זײַן געטרייסט. און
די גייסטער פֿון די נבֿיאים זענען אונטערטעניק צו די נבֿיאים.
33 וואָרים גאָט איז ניט קיין גאָט פֿון אומאָרדענונג, נייערט פֿון
34 שָלום. ווי אין אַלע קהִילות פֿון די הייליקע זאָלן די ווײַבער
אויך שווײַגן אין די קהִילות; וואָרים זיי האָבן ניט קיין רשות צו
רעדן, נייערט צו זײַן אונטערטעניק, ווי סע זאָגט אויך די תּורה.
35 און אויב זיי ווילן עפּעס לערנען, זאָלן זיי פֿרעגן אין דער היים
זייערע אייגענע מענער. וואָרים עס איז אַ חרפּה פֿאַר אַ ווײַב צו
36 רעדן צווישן קָהל. וואָס? צי איז דאָס וואָרט פֿון גאָט פֿון אײַך
37 אַרויסגעגאַנגען, אָדער איז עס פֿאַר אײַך אַליין געקומען? אויב
עמיצער מיינט, ער איז אַ נָביא, אָדער אַ באַגײַסטערטער, זאָל
ער פֿאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס איך שרײַב צו אײַך, איז אַ געבאָט
38 פֿון דעם האַר. אויב עמיצער וויל עס ניט וויסן, זאָל ער עס
39 ניט וויסן. בכֵן, מײַנע ברידער, באַגערט נבֿיאות צו זאָגן, און
40 פֿאַרווערט ניט צו רעדן אין לשונות. נאָר זאָל אַלצדינג געטאָן
ווערן אָנשטענדיק און מיט אַ סֵדר.

טו און איך דערמאָן אײַך, ברידער, די בשׂורה טובֿה, וואָס איך
האָב אײַך אָנגעזאָגט, און וואָס איר האָט אויך מקַבּל געווען,
2 און אין וועלכער איר שטייט, דורך וועלכער איר ווערט אויך
געראַטעוועט, אויב איר וועט האַלטן דאָס וואָרט, וואָס איך
האָב

האָב איך געדרשנט – סיידן איר האָט געגלייבט אומזיסט.
3 וואָרים איך האָב אייך קודם־כּל איבערגעגעבן דאָס, וואָס
איך האָב מקבל געווען: אַז משיח איז געשטאָרבן פֿאַר
4 אונדזערע זינד, לויט ווי סע שטייט געשריבן, און אַז ער איז
באַגראָבן געוואָרן, און אַז ער איז אויפֿגעשטאַנען תּחִיַת־המתים
5 דעם דריטן טאָג, לויט ווי סע שטייט געשריבן, און אַז ער האָט
6 זיך אַנטפּלעקט צו כֵּיפָאן, דערנאָך צו די צוועלף. דערנאָך
האָט ער זיך אַנטפּלעקט צו איבער פֿינף הונדערט ברידער
מיטאַמאָל, און די מיינסטע פֿון זיי לעבן נאָך, נאָר טייל זענען
7 אַנטשלאָפֿן געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך אַנטפּלעקט צו יַעקבֿן,
8 דערנאָך צו אַלע שליחים. און צום סוף פֿון אַלע, ווי צו דעם
9 מַפּיל, האָט ער זיך אויך אַנטפּלעקט צו מיר. וואָרים איך בין
דער מינדסטער פֿון די שליחים, וואָס בין ניט רָאוי גערופֿן צו
ווערן אַ שליח, מַחמת איך האָב גערודפֿט די קהילה פֿון גאָט.
10 אָבער דורך דעם חֶסד פֿון גאָט בין איך, וואָס איך בין; און זיין
חֶסד לגַבּי מיר איז ניט געווען אומזיסט, נייערט איך האָב מיך
געמִיט אַ סך מער ווי זיי אַלע; דאָך ניט איך, נייערט דער חֶסד פֿון
11 גאָט, וואָס איז געווען מיט מיר. בכֵן, צי דאָס איז איך, אָדער זיי,
12 אַזוי דרשענען מיר, און אַזוי האָט איר געגלייבט. דעריבער, אויב
פֿונוועגן דעם משיחַ ווערט געדרשנט, אַז ער איז אויפֿגעשטאַנען
תּחִיַת־המתים, וויאַזוי זאָגן טייל פֿון אייך, אַז סאיז גאָר ניטאָ
13 קיין תּחִיַת־המתים? און אויב עס איז ניטאָ קיין תּחִיַת־המתים,
14 איז אויך משיחַ ניט אויפֿגעשטאַנען. און אויב משיחַ איז ניט
אויפֿגעשטאַנען, דעמאָלט איז אונדזער דרשענען אומזיסט, און
15 אייער אֶמונה איז אויך אומזיסט. און אויך מיר זענען פֿאַלשע
עֵדות פֿון גאָט, מַחמת מיר האָבן עֵדות געזאָגט פֿונוועגן גאָט, אַז
ער האָט אויפֿגעוועקט משיחַן, וועמען ער האָט ניט אויפֿגעוועקט,
16 אויב סאיז אֶמת, אַז די טויטע וועלן ניט אויפֿשטיין. וואָרים אויב
די טויטע ווערן ניט אויפֿגעוועקט, איז משיחַ ניט אויפֿגעשטאַנען;
17 און אויב משיחַ איז ניט אויפֿגעשטאַנען, איז אייער אֶמונה

18 אומזיסט, און איר זענט נאָך אין אייערע זינד. אויב אַזוי זענען
אויך די, וואָס זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אין מָשִׁיחַן, פאַרלוירענע.
19 אויב מיר האָבן נאָר אין דעם דאָזיקן לעבן געהאָפט אויף
20 מָשִׁיחַן, זענען מיר מער צום באַדויערן פון אַלע מענטשן. איצט
אָבער איז מָשִׁיחַ אויפגעשטאַנען פון די טויטע, דער ערשטער
21 פון די אַנטשלאָפענע. וואָרים אַזוי ווי דורך אַ מענטשן איז
געקומען דער טויט, אַזוי איז אויך דורך אַ מענטשן געקומען
22 תּחִיַת־הַמֵתים. וואָרים ווי אין אָדָמען שטאַרבן אַלע, אַזוי אויך
23 אין מָשִׁיחַן וועלן אַלע לעבעדיק ווערן. נאָר יעדער אין זיין
אייגענעם סֵדר: קודם־כָּל מָשִׁיחַ, דער ערדשטער, דערנאָך
24 די, וואָס געהערן מָשִׁיחַן ביי זיין קומען. דערנאָך קומט דער
קֵץ, בעת ער וועט איבערענטפערן דאָס מַלכות צו גאָט, דעם
פאָטער, נאָכדעם ווי ער וועט האָבן אָפגעשאַפט יעדע מֶמשָׁלה
25 און יעדע געוועלטיקונג און מאַכט. וואָרים ער מוז הערשן,
ביז ער וועט האָבן געלייגט אַלע זיינע פיינט אונטער זיינע
26 פיס. דעם לעצטן שׂונא, וואָס ער וועט אומברענגען, איז דער
27 טויט. וואָרים אַלצדינג האָט ער אונטערטעניק געמאַכט אונטער
זיינע פיס. און ווען ער זאָגט: אַלצדינג איז אונטערטעניק
אונטער אים, איז קלאָר, אַז אַחוץ דעם, וואָס האָט אַלצדינג
28 אונטערטעניק געמאַכט אונטער אים. און ווען אַלצדינג וועט
זיין אים אונטערטעניק, דעמאָלט וועט אויך דער זון אַליין ווערן
אונטערטעניק אונטער אים, וואָס האָט אונטערטעניק געמאַכט
29 אַלצדינג אונטער אים, כּדי גאָט זאָל זיין אַלץ אין אַלעמען. אויב
ניט, וואָס זאָלן טאָן די, וואָס ווערן געטובלט פונוועגן די טויטע?
אויב די טויטע וועלן בּכלַל ניט אויפשטיין, צו וואָס זאָל מען
30 זיך נאָך טובלען פונוועגן זיי? פאַרוואָס שטעלן מיר זיך אויך
31 אין סַכָּנה יעדע שָׁעה? טעגלעך שטאַרב איך, איך פאַרזיכער
אייך דורך מיין רימען זיך אין אייך, ברידער, וואָס איך האָב
32 אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, אונדזער האַר. אויב איך האָב געקעמפט
מיט ווילדע חַיות אין עפעזוס לויט דעם שטייגער פון מענטשן,

וואָסער

וואָסער נוצן האָב איך דערפֿון? אויב די טויטע שטיין ניט אויף,
33 לאָמיר עסן און טרינקען, וואָרים מאָרגן שטאַרבן מיר. זייט ניט
34 גענאָרט; שלעכטע חַברותא פֿאַרדאַרבן גוטע מִידות. ווערט
ווידער ניכטערן, ווי סע באַדאַרף צו זיין, און זינדיקט ניט; וואָרים
טייל האָבן ניט קיין קענטעניש פֿון גאָט. צו אייער שאַנד מוז
35 איך דאָס זאָגן. אָבער עמיצער וועט זאָגן: וויאַזוי וועלן די
36 טויטע אויפֿשטיין? און מיט וואָסער מִין לײַב קומען זיי? דו
נאַר איינער׳ דאָס, וואָס דו אַליין זײַסט, ווערט ניט לעבעדיק,
37 סיידן סע שטאַרבט. און דאָס, וואָס דו זײַסט, זײַסטו ניט דעם
לײַב, וואָס דאַרף זיין, נייערט אַ פּשוט קערנדל, סע קאָן זיין
38 פֿון ווייץ, אָדער פֿון עפּעס אַן אַנדער מִין. גאָט אָבער גיט אים
אַ גוף אַזוי ווי אים ווערט וואוילגעפֿעלן, און פֿאַר יעדן קערן אַ
39 לײַב פֿון זיין מִין. ניט יעדעס פֿלייש איז דאָס זעלבע פֿלייש;
נייערט אַנדערש איז דאָס פֿלייש פֿון מענטשן, און אַנדערש דאָס
פֿלייש פֿון בהֵמות, און אַנדערש דאָס פֿלייש פֿון פֿייגל, און
40 אַנדערש פֿון פֿיש. עס זענען אויך פֿאַראַן הימלישע קערפּערס,
און קערפּערס ערדישע; אָבער די הערלעכקייט פֿון די הימלישע
איז איינס, און די הערלעכקייט פֿון די ערדישע איז אַן אַנדערע.
41 עס איז פֿאַראַן אַ הערלעכקייט פֿון דער זון, און אַן אַנדער
הערלעכקייט פֿון דער לבָנה, און אַן אַנדער הערלעכקייט פֿון
די שטערן; וואָרים איין שטערן אונטערשיידט זיך פֿון אַן אַנדער
42 שטערן אין הערלעכקייט. אַזוי איז אויך מיט תּחִית־הַמֵתים.
עס ווערט געזײַט אין פֿאַרדאַרבלעכקייט, עס שטייט אויף אין
43 אומפֿאַרדאַרבלעכקייט; עס ווערט געזײַט אין אומכָּבוד, עס
שטייט אויף אין כָּבוד; עס ווערט געזײַט אין שוואַכקייט, עס
44 שטייט אויף אין שטאַרקייט; עס ווערט געזײַט אַ נאַטירלעכער
לײַב, עס שטייט אויף אַ גײַסטיקער לײַב. אויב עס איז פֿאַראַן אַ
45 נאַטירלעכער לײַב, איז אויך פֿאַראַן אַ גײַסטיקער לײַב. און אַזוי
שטייט אויך געשריבן: דער ערשטער מענטש, אָדָם־הָרִאשון,
איז געוואָרן אַ לעבעדיקע נשָמה, דער לעצטער אָדָם איז געוואָרן
א

46 אַ גייסט, וואָס גיט לעבן. דאָך דאָס איז ניט ערשט, וואָס איז
גײַסטיק, נייערט דאָס, וואָס איז נאַטירלעך, דערנאָך דאָס, וואָס
47 איז גייסטיק. אָדָם־הָרִאשון איז פֿון דער ערד, ערדיש; דער
48 צווייטער מענטש איז פֿון הימל. ווי עס איז דער ערדישער, אַזוינע
זענען אויך די, וואָס זענען ערדיש; און ווי עס איז דער הימלישער,
49 אַזוינע זענען אויך די, וואָס זענען הימליש. און אַזוווי מיר האָבן
געטראָגן דאָס בילד פֿון דעם ערדישן, וועלן מיר אויך טראָגן
50 דאָס בילד פֿון דעם הימלישן. און דאָס זאָג איך, ברידער, אַז
בָּשׂר־וָדָם קאָן ניט יַרשענען דאָס מַלכות פֿון גאָט; אויך ירשענט
51 פֿאַרדאַרבלעכקייט ניט אומפֿאַרדאַרבלעכקייט. זעט, איך בין
אייך מגַלה אַ סוד: מיר אַלע וועלן ניט אַנטשלאָפֿן ווערן, נייערט
52 מיר וועלן אַלע פֿאַרענדערט ווערן, אין אַ רֶגע, אין אַ הֶרף־עַיִן,
ביי דעם לעצטן שופֿר־בלאָז; וואָרים דער שופֿר וועט שאַלן,
און די טויטע וועלן אויפֿשטיין אומפֿאַרדאַרבלעך, און מיר וועלן
53 פֿאַרענדערט ווערן. וואָרים דאָס דאָזיקע פֿאַרדאַרבלעכע מוז זיין
אָנטאָן אומפֿאַרדאַרבלעכקייט, און דאָס דאָזיקע שטאַרבלעכע
54 מוז זיך אָנטאָן אין אומשטאַרבלעכקייט. בעת אָבער
דאָס דאָזיקע פֿאַרדאַרבלעכע וועט זיך האָבן אָנגעטאָן אין
אומפֿאַרדאַרבלעכקייט, און דאָס דאָזיקע שטאַרבלעכע וועט זיך
האָבן אָנגעטאָן אין אומשטאַרבלעכקייט, דעמאָלט וועט מקוים
ווערן דאָס וואָרט, וואָס סע שטייט געשריבן: דער טויט איז
55 פֿאַרשלונגען געוואָרן אין נצָחון. אָ טויט, וואו איז דיין נצָחון? אָ
56 טויט, וואו איז דיין שטאָך? דער שטאָך פֿון טויט איז זינד, און דער
57 כּוח פֿון זינד איז די תּורה. אָבער געלויבט איז גאָט, וואָס גיט
58 אונדז דעם נצָחון דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. בכֵן, מיינע
באַליבטע ברידער, זייט געשטאַרקט, אומבאַוועגלעך, און זייט
זיך תָּמיד עוסק אין דעם ווערק פֿון דעם האַר, וואָרים איר ווייסט,
אַז אייער מִי איז ניט אומזיסט אין דעם האַר.

טז און בנוגע דער זאַמלונג פֿאַר די הייליקע, אַזוווי איך האָב מתַקן
געווען פֿאַר די קהִילות פֿון גאַלאַטיע, אַזוי זאָלט איר אויך טאָן.

אין

2 אין דעם ערשטן טאָג נאָך דעם שַבָּת זאָל יעדער איינער פֿון אייך
אַוועקלייגן, לויט זיין מעגלעכקייט, כּדי קיין שום זאַמלונגען זאָלן
3 ניט געמאַכט ווערן בעת איך קום. און אַז איך וועל אָנקומען,
וועמען איר וועט געבן הַסכָּמה, די וועל איך שיקן מיט בריוו,
4 אַוועקצופֿירן אייער נדָבה קיין ירושָלַיִם. און אויב סע וועט
5 זיין ווערט אויך צו גיין, וועלן זיי גיין מיט מיר. און איך וועל
קומען צו אייך, נאָכדעם ווי איך וועל האָבן דורכגעגאַנגען דורך
6 מאַקעדאָניע. וואָרים איך גיי דורך מאַקעדאָניע; סע קאָן אָבער
זיין, אַז איך וועל ביי אייך פֿאַרבלייַבן, אָדער אַפֿילו ווינטערן,
כּדי איר זאָלט מיך אַרויסבאַגלייטן אויף מיין נסיעה, וואוהין נאָר
7 איך וועל גיין. וואָרים איך וואָלט ניט וועלן אייך זען אַצינד אין
פֿאַרבייַגיין; וואָרים איך פֿאַרהאָף צו פֿאַרבלייַבן אַביסל מיט
8 אייך, אִם ירצה השם. איך וועל אָבער פֿאַרבלייַבן אין עפֿעזוס
9 ביז שבועות; וואָרים אַ גרויסע טיר און אַ סך אַרבעט איז
געעפֿנט געוואָרן פֿאַר מיר, און סע זענען פֿאַראַן אַ סך קעגנער.
10 און אויב טימאָטעאוס וועט קומען, זעט, אַז ער זאָל זיין מיט אייך
11 אָן מורא; וואָרים ער טוט די אַרבעט פֿון גאָט, אַזוי ווי איך. זאָל
אים דעריבער קיינער ניט מבַזה זיין, נייערט באַגלייט אים אַרויס
אויף זיין נסיעה בשָלום, כּדי ער זאָל צו מיר קומען, וואָרים איך
12 וואַרט אויף אים מיט די ברידער. און בנוגע אונדזער ברודער
אַפּאָלאָס, האָב איך אים זייער געבעטן צו קומען צו אייך מיט
די ברידער; נאָר ער האָט בִּכלל ניט געוואָלט קומען אַצינד;
13 אָבער ער וועט קומען ווען ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט. וואַכט,
14 שטייט פֿעסט אין דער אֶמונה, זייט מענער, זייט שטאַרק. זאָל
15 אַלץ, וואָס איר טוט, געטאָן ווערן אין ליבע. און איך בעט אייך,
ברידער, — איר קענט דאָס הויז פֿון סטעפֿאַנאַסן, אַז סאאיז געווען
די ערשטע פֿרוכט פֿון אַכאַיאַ, און אַז זיי האָבן זיך געשטעלט
16 צו באַדינען די הייליקע, — אַז אויך איר זאָלט אונטערטעניק
זיין צו אַזעלכע, און צו יעדן איינעם, וואָס העלפֿט אין דער
17 אַרבעט און באַמיט זיך. און איך פֿריי מיך אויף דעם קומען פֿון

סטעפֿאַנאַסן און פֿאָרטונאַטוסן און אַכאַיִקוסן, וואָרים דאָס, וואָס
18 האָט געפֿעלט פֿון אײַער צַד, האָבן זיי ממַלא געווען. וואָרים זיי
האָבן דערקוויקט מײַן גייסט און אײַערן. גיט אָף אָנערקענונג צו
19 אַזעלכע מענטשן. די קהִילות פֿון אַזיע גריסן אײַך. עַקִילַס און
פּריסקאַ גריסן אײַך זייער אין דעם האַר, און אויך די קהִילה, וואָס
20 איז אין זייער הויז. אַלע ברידער גריסן אײַך. גריסט איינער דעם
21 אַנדערן מיט אַ הייליקן קוש. פֿון מיר, פּאָולוס, אַ גרוס מיט מײַן
22 אייגענער האַנט. אויב עמיצער ליבט ניט דעם האַר, זאָל ער זײַן
23 אין חֵרֶם. מָרַן אֲתָא׳ דער חֶסֶד פֿון דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זאָל
24 זײַן מיט אײַך. מײַן ליבע זאָל זײַן מיט אײַך אַלעמען אין יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ. אָמֵן.